


פרשת בא
ו' שבט תשפ"ב
יאר 2 גליון 36

## א בריוו פונעם
# ראש ישיבה שליט"א

...תחי', תלמידה בית פיגא.

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

וואויל איז דיר אז דו האסט געענדיגט די 31'סטע מאל ספר תהלים. אין ספר תהלים ליגן אלע ישועות, אזוי אויך האט דער רבי זייער אויסגעלויבט דאס זאגן תהלים יעדן טאג. דערפאר פירן זיך אלע אנשי שלומינו צו זאגן יעדן טאג דעם יום תהלים, דאס ברענגט אלע ישועות.

איך פריי זיך זייער צו הערן פון דיר וואס טוט זיך אין סקול, ווי שיין אלע מיידלעך לעבן צוזאמען. עס הערשט נישט קיין מחלוקת, נישט דא קיין קאנקורענץ (קאמפעטישן) צווישן די מיידלעך, און אז דו ביסט אזוי צופרידן פון בית פיגא.

דו שרייבסט מיר אז ווען מען טאנצט טאנצן אלע מיידלעך אינאיינעם, די עלטערע מיט די אינגערע מיט אזא אחדות. דאס איז ביי מיר א גרויסע שמחה ווייל עס איז מיר נישט גרינג צו פירן די מוסד וכו', איז דאס וואס דו שרייבסט מיר אז דו האסט אזוי הנאה יעדע מינוט אין סקול, און וויפיל אמונה דו באקומסט אין סקול פון די חשוב'ע טיטשערס און די מנהלת דאס געבט מיר כח ווייטער צו פירן די מוסד.

זארג נישט פאר דיין שידוך. דו זאג ווייטער תהלים און אינצווישן די פסוקים פון תהלים זאלסטו זיך אויסגיסן דיין הארץ צום הייליגן באשעפער, אים בעטן פאר א ערליכע געזונטע מאן און פאר ערליכע געזונטע קינדער. וועסטו זוכה זיין בקרוב צו טרעפן דיין שידוך.

# מזל טוב!

### מזל טוב רבקה קורץ צו איר שידוך!

מזל טוב טיטשער שיינדי, ברכה קורץ און חני קורץ

### מזל טוב לאה'לע און פערעלע שווארץ צו זייער נייע בעיבי שוועסטער!



# הלכות שבת ווינקל

**מעג איך ארייגלייגן לאקשן אין א טאפ זופ אויפן פלאם?**

**מעג איך איינטינקען א שטיקל חלה אין מיין טעלער זופ?**

**מעג איך סערווירן זופ מיט א נאסע שעפלעפל?**



ענטפערס פון לעצטע וואך:

1. מעג איך ארייגיסן וואסער פון א percolator אין א נאסע גלאז? <u>ניין.</u>
2. וויאזוי מעג איך מאכן א קאווע שבת? <u>ארייגיסן פון די percolator אין א גלאז, און איבערגיסן אין נאך א גלאז.</u>
3. ביים סערווירן זופ, דארף מען לייגן ערשט די לאקשן אדער די זופ? <u>קודם די זופ, און נאכדעם די לאקשן.</u>

# מעשיות פון תפילה

## גיטי יאקאבאוויטש

שוין זייער לאנג וואס איך בעט די אייבערשטער אז אונז זאלן באקומען נייע באנק בעטן, און די אייבערשטער האט געהאלפן אז די וואך האבן אונז באקומען נייע באנק בעטן!



**עלטסטע קלאס**

## רותי מזרחי

מיין מאמע'ס אויערינגל האט זיך פארלוירן. איך האב אנגעהויבן זייער שטארק בעטן די אייבערשטער אז מ'זאל עס טרעפן, ווי אויך האט מיין מאמע געלייגט צדקה אין די פושקה, ש'כח אייבערשטער איך האב עס געטראפן!



**פיפטע קלאס**

## פייגי שטראססער

מען האט יעצט צוגעבויט נאך קלאסן צו די שטעטל סקול, און איך האב געבעטן די אייבערשטער אז אונזער קלאס זאל שוין מופן. ש'כח אייבערשטער אז די וואך האט אונזער קלאס געמופט!



**ערשטע קלאס**

## אסתי פריעדמאן

עס איז ארומגעגאנגען א שווערע ווירוס, און איך האב עס אויך געכאפט. א גאנצן טאג האב איך געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל פילן בעסער, שכח אייבערשטער אז יעצט, אפאר טעג שפעטער, פיל איך שוין אסאך בעסער!



**דריטע קלאס**

## חוי שפילמאן

ביינאכט האב איך געוואלט גיין צו די גראסערי, איך האב נישט געוויסט ווען זיי שפארן צו, איך האב געבעטן די אייבערשטער זיי זאלן נאך זיין אפן ווען איך קום אן, און שכח אייבערשטער זיי זענען געווען אפן!



**עלטסטע קלאס**

## עטי ראטה

איך האב מיך צוקלאפט און איך האב געדארפט באקומען סטיטשעס, האב געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל נישט ווי טון, ש'כח אייבערשטער אז עס האט גארנישט וויי געטון.



**פיפטע קלאס**

## מינדי לעווי

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז ווען מרת מייזעלס קומט צוריק זאל מען מאכן א פארטי און שכח אייבערשטער אונז האבן געהאט א געשמאקע פארטי!



**דריטע קלאס**

## גיטי ראטה

מיר האבן א טשארט אין סקול וואס איך האב שוין געוואלט ענדיגן. איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז מיין טיטשער זאל מיך געבן אסאך סטיקערס און איך זאל עס שנעל ענדיגן און די אייבערשטער האט געהאלפן!



**פרי 1 עי**

# א מעשה פון א צדיק

איינמאל איז דער הייליגער בעל שם טוב געזעצן מיט זיינע תלמידים, און גערעדט צו זיי. אינמיטן האט דער צדיק אנגעהויבן צו רעדן שבחים אויף ר' נחמן הורדנקער.

ר' נחמן, וואס איז דארט געזעצן, האט זיך פרובירט צו רוקן נענטער, און ער האט צוגעלייגט אן אויער, אבער עס האט אויסגעזען ווי ער הערט בכלל נישט וואס מען רעדט.

האט דער בעל שם טוב ערקלערט פאר די תלמידים: "ר' נחמן האט געבעטן פונעם אייבערשטן אז ער זאל הערן נאר וואס ער דארף. יעצט אז איך לויב אים אויס, הערט ער עס אפילו נישט, ווייל נישט דאס דארף ער הערן. אבער ווען איך רעד דברי תורה, הערט ער אפילו פונדערווייטנס."

ביז דא איז די מעשה.

טייערע מיידלעך, לאמיר זיך אלע אפלערנען פונעם צדיק, ר' נחמן הורדנקער, און הערן נאר וואס מ'דארף. מ'זאל נישט הערן קיין שלעכטע זאכן, לשון הרע, ניבול פה...

אבער יא הערן ווען ס'קומט צו גוטע זאכן, ווען א מאמע רופט, אדער א טיטשער זאגט עפעס, זאל מען זיך גוט צוהערן.

אז מ'הערט זיך צו און מ'פאלגט, ווערט מען א גרויסע צדיקות!




*געשריבן דורך: פייגי טייטלבוים*

# מיר לערנען פון עצתו אמונה

## <u>ווער איז גרעסער?</u>



הא הא, דער קאַרגער עושר!

די וואך האבן מיר געליינט די מעשה פון עצתו אמונה פאר קינדער פרשת שמות תשפ"ב פון די עושר וואס יעדער האט געמיינט אז ער איז קארג אבער עכט פלעגט ער געבן צדקה באהאלטענערהייט.

<u>מירל פעלבערבוים לערנט זיך פון די מעשה:</u>

איך לערן זיך פון די מעשה אז מען טאר נישט חוזק מאכן פון קיין שום מענטש, און נאר דן זיין יעדעם לכף זכות.

# געב א שמייכל פאר א מיידל, דו קענסט אויפלעבן איר טאג!



# פון אונזערע לערערינס

ב"ה איך פריי מיך אזוי שטארק דיך צו זען אין סקול, איך בעט אסאך פאר דיך אז דו זאלסט זיין געזונט און שטארק און בעיקר אז דו זאלסט זיין פריילך, ווייל דער הייליגער רבי זאגט אז שמחה איז די עיקר רפואה, און פארקערט, עצבות ברענגט אלע קרענק.

מוהרא"ש שרייבט אסאך מאל אז מען דארף זיך צווינגען צו זיין פריילך, אפילו ס'איז ממש אוממעגליך, דאך זאגט מוהרא"ש אז מ'זאל זיך אנשטרענגען מיט אלע כוחות צו זיין פריילך. ס'איז זייער גרינג צו זאגן פאר אנדערע "זיי פריילך" ווען זי פילט ווי זי קען נישט און אז זי האט גארנישט מיט וואס זיך צו פרייען. אבער נישט איך זאג עס, נאר מוהרא"ש, און דא רעדט מען פון איינער וואס האט נישט געהאט 'קיין איין גוטע טאג אין לעבן'. דאך איז מוהרא"ש געווען אייביגע מיט א שמייכל און פריילך געמאכט אנדערע, אויב ער האט דאס געקענט באווייזן, קענען מיר פרובירן עס אויך צו טון.

איך האב דיר זייער ליב און איך בעט אסאך פאר דיך.
שרה לעזער

# נייעס אין בית פיגא

די וואך זונטאג איז געווען די חתונה פון מיס ראטה. די מיידלעך פון בית פיגא זענען זיך געקומען מיטפרייען מיט די שמחה און פריילך מאכן די כלה, עס איז געווען זייער לעבעדיג און פריילך. לכבוד די חתונה האט מען אויך איבערגעמאכט אלע שטיקס, די ארטשעס, די שירעם, די באלי, די וואסער באטל, עס איז אויסגעקומען הערליך ב"ה. מיר קענען שוין קויםווארטן אז מיס ראטה זאל שוין צוריקקומען אין סקול!

אלע מיידלעך אין שטעטל סקול זענען אזוי פריילך מיט די נייע מיידלעך וואס זענען אריינגעקומען אין סקול, שפרה און מירל פעלבערבוים!

די מיידלעך פון נורסערי אין וויליאמסבורג זענען אזוי פריילך אז פריידעלע קרויס קומט שוין אין סקול!

# RECIPE

## EMBROSIA



**Recipe**:

1 bag frozen strawberries

1 can crushed pineapple

1 carton whipped topping

**Directions**:

Blend strawberries. Add pineapple and whipped topping, mix well. Serve chilled.

**געדענק צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל אויסקומען זייער גוט!**